# פרשת כי תשא ט' – ט"ו אדר א' תשע"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל ש"ב **הרה"ג רבי שמחה מאיר דייטש שליט"א** (אב"ד שיח יצחק מאנסי, חתן **הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל**, אב"ד אבני שלמה).

*

***יום רביעי פרשת כי תשא***

אחר תפלת מעריב הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הגה"צ רבי יעקב יהוסף ראטענבערג האדמו"ר מקאסאן שליט"א** (9 עוו.) במעונו בפאלם ספרינגס.

***וזה תוכן השיחה***

**נסתובב השיחה אודות זמן הדלקה"נ בפאלם ספרינגס שהחמה שוקעת תחת ההרים בשעה מוקדמת**

**רבינו:** אין ירושלים אליין, איז אויך דא די שאלה. ירושלים איז הרים סביב לה, עס איז ארומגענומען מיט בערג. נישט אזעלכע הויכע בערג ווי דא, אבער עס איז דא ארום און ארום בערג. איז די שאלה ווי אזוי מען רעכנט די שקיעה, צו מען רעכנט די שקיעה ווען עס גייט אונטערן בארג, צו מען רעכנט כאילו עס וואלט געווען א גראדע פלאץ. אין ירושלים איז עס א חילוק פון דריי מינוט.

**האדמו"ר מקאסאן:** די מקור איז פון די גמרא (שבת קיח:) יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריא, וממוציאי שבת בצפורי (עיין ברש"י שם).

**רבינו:** אין ירושלים צינדט מען ממילא פריער, פערציג מינוט פאר די שקיעה.

**האדמו"ר מקאסאן:** פארוואס טאקע צינדען זיי אזוי פרי.

**רבינו:** עס האט נישט קיין קלארע הסבר. עס איז נאר אלץ א גדר.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער **סאטמארער רב זי"ע** איז געווען אין ארץ ישראל, און ער האט געטון א מלאכה נאך די זמן הדלקת הנרות.

**רבינו:** ער איז געפארן מיט די קאר, און מען האט אים נאכגעשריגן 'שבת!'.

**האדמו"ר מקאסאן:** פארן רבי'ן איז אנגעגאנגען וועגן מוצאי שבת. אז זיי זענען פריער מסיים דעם שבת. אויסער סאטמאר איז כמעט נישט דא דארט ווער עס האלט שיטת ר"ת.

**רבינו:** די **תלמידי הגר"א** האבען דארט אראפגעלייגט דעם ישוב, און זיי האבען אזוי איינגעפירט.

**האדמו"ר מקאסאן:** די אמת איז אז עס ווערט דארט טאקע נאכט פריער. צען מינוט נאך די שקיעה איז טונקעל.

אין אמעריקא איז אויך געווען א אינטערסאנטע זאך, די רבי' פלעגט צו גיין אין מקוה שפעט פרייטאג נאכמיטאג. און ווען עס איז געקומען שקיעה צייט, האט ער איבערגעגעבן די זייגער מיט די שטעקן פאר'ן הויז בחור.

ווען צינדט מען טאקע לעכט דא?

**רבינו:** איך בין א פשוטע יוד, איך טו וואס אלע האבן געטון. פריוואט טו איך נישט קיין מלאכה. איך האב דאך נישט וואס צו טון גרויסע מלאכות. אבער אין שטוב בין איך נישט משנה פון וואס מען האט געטון ביז יעצט. און מען צינדט ביי די זמן וואס די רב פון שטאט שטעלט ארויס (25 מינוט פאר די שקיעה). ווייל דאס האט מען דא קובע געווען. פריער מעג מען דאך צינדען.

**האדמו"ר מקאסאן:** חוץ די וואס זענען מקפיד נישט צו צינדען פאר פלג המנחה (עיין בשו"ע סימן רס"ג סעיף ד' ובפוסקים שם).

**רבינו:** אינדערהיים האט מען בכלל געצינדען שפעט, אפילו נאך די שקיעה. דער **חתם סופר** שרייבט אין די תשובות (או"ח סימן פ') אז מען טוט א מלאכה אין פרעשבורג, א האלבע שעה נאך די שקיעה.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער **חתם סופר** האט געהאלטן מוצאי שבת זייער שפעט.

**רבינו:** פריוואט פאר זיך, אבער נישט פאר די שטאט. ביז צום **גר"א** האט קיינער נישט געטון אנדערש ווי די שיטה פונעם ר"ת. עס איז אזוי געפסק'נט אין שלחן ערוך (סימן רס"א סעיף ב'). מיר זענען היינט מחמיר, ווייל מיר האבעןביידע שיטות. אבער ארגינעל מיט צוויי הונדערט יאר צוריק איז געווען איין שיטה, דער ר"ת. דער **גר"א** (בביאורו סימן רס"א סקי"א) און דער **בעל התניא** (בסידורו בהל' שבת) האבען ביידע נוטה געווען, אז די עיקר הלכה איז ווי די גאונים. האט מען לחומרא אנגענומען אזוי ווי זיי. עס איז נוגע ביי א ברית. פון די שקיעה האט מען אפגעשטופט אויפן אנדערן

טאג. ווייל אויב מען מל'ט דעם זיבעטען טאג איז כאילו לא נימול. און דאס איז אויך א דאורייתא.

דער **קלויזענבורגער רב** האט געטון ווי דער רבינו תם אויך לקולא. און א קינד וואס איז געבוירן שבת נאכמיטאג נאך די שקיעה, האט ער געמל'ט אין שבת. נאר ווען ער האט זיך אריבערגעצויגען קיין ארץ ישראל, וואס דארט האט מען מער אנגענומען די גאונים, האט ער זיך נישט געקענט אזוי פירן לקולא, האט ער זיך געפירט אזוי ווי דער ר"ת נאר לחומרא (ועיין **בשו"ת דברי יציב** יו"ד סימן קמ"ט).

**וכיבד את רבינו שליט"א בפירות**

**האדמו"ר מקאסאן:** מען האט מיר היינט געפרעגט, צו א אבל דאווענט פארן עמוד פורים קטן.

**רבינו:** אלץ ימים שאין אומרים בהם תחנון. אין בעלזא האט מען יעדן יומא דפגרא נישט געדאווענט פארן עמוד. פון סליחות ביז חודש חשון האט מען נישט געדאווענט פארן עמוד.

**האדמו"ר מקאסאן:** אין זידיטשוב און אין קאמארנא דאווענט מען צוועלף חדשים.

איינער האט מיר געפרעגט, אז זיין טאטע איז געווען א באבוב'ער חסיד, און ער איז א בעלזא'ער חסיד, צו ער זאל דאווענען פארן עמוד, די טעג וואס מען דאווענט נישט אין בעלזא, אבער אין באבוב דאווענט מען יא. האב איך אים געזאגט, אז עס איז כיבוד אב, דער טאטע האט אזוי געהאלטן. אבער ער זאל נישט דאווענען אין בעלזא, נאר ערגעץ אנדערש.

**רבינו:** מען זאגט נאך אז עס איז געווען א אונגארישער בעלזא חסיד, און ער איז געפארן אויף די הייליגע טעג קיין בעלזא. און ער האט געהאט יארצייט, און אין בעלזא האט מען נישט געדאווענט פארן עמוד אין די טעג פון סליחות. האט מען אים געפרעגט, וואס וועט דיין טאטע זאגען צו דעם, אז דו דאווענסט נישט פארן עמוד. האט ער געזאגט, איך שטעל מיר פאר, אז אין הימל וועט מיין טאטע פרעגן, פארוואס מיין זון דאווענט נישט היינט נאך מיר. וועט מען אים זאגען, אז ער איז געפארן קיין בעלזא. וועט ער זאגען, אויב ער איז געפארן קיין בעלזא, זאל ער טאקע נישט זאגען קיין קדיש נאך מיר. ער וועט מער הנאה האבען אז איך בין געפארן קיין בעלזא, ווי דאס אז איך דאווען פארן עמוד.

**האדמו"ר מקאסאן:** א יארצייט דאווענט אויך נישט פארן עמוד?

**רבינו:** ניין. דער **בעלזער רב** האט אין זיין מנין נישט געלאזט דאווענען פארן עמוד א יארצייט. קיין שום חיוב האט נישט געדאווענט ביי זיינע מנינים.

**האדמו"ר מקאסאן:** אין בעלזא דאווענט נישט שבת א יארצייט.

**רבינו:** מוצאי שבת האט מען אמאל צוגעשיקט א יוד, אז ער זאל דאווענען פארן עמוד. דער יוד האט נישט געוואוסט, האט ער געזאגט, אז עס זייער גוט, ווייל איך האב יארצייט די וואך. האט ער געזאגט, אזוי, איר האט יארצייט, גייט'ס אוועק פונעם עמוד.

**האדמו"ר מקאסאן:** וואס איז פשט אין דעם? ווייל עס איז שולט דינים?!

**רבינו:** מן הסתם. עס איז א זמן פון שמחה.

**האדמו"ר מקאסאן:** אייער פאטער איז נאך געפארן צו **בעלזער רב**, רבי ישכר דוב?

**רבינו:** ער איז געווען איינמאל ביי **רבי ישכר דוב**, אין מארינבאד (בשנת תרפ"ה). מיין טאטע איז געווען א בחור פון פופצן יאר, ווען דער **בעלזער רב** איז נסתלק געווארן. מיין טאטע איז געבוירן תרע"ב, און דער **בעלזער רב** איז אוועק תרפ"ז.

**האדמו"ר מקאסאן:** מיין זיידע'ס שווער, דער קאזעווער רב, איז געווען א בעלזא חסיד. און מיין באבע איז געווארן אויפגעצויגען אין קאזעווע, און זי האט מיר דערציילט, אז דער **בעלזער רב** איז אמאל ראש השנה נאכן דאווענען אריינגעקומען צו די רעבעצין וואונטשען גוט יום טוב, און זי איז דארט געווען. זי איז געווען א קליין מיידעל פון אכט יאר. האט ער איר געפרעגט, שרה'לע ווער האט בעסער געדאווענט, איך, אדער ר' יעקב בער? האט זי געענטפערט, שענער האט געדאווענט ר' יעקב בער, אבער בעסער האט געדאווענט די רב.

**רבינו:** דער **בעלזער רב** אין ירושלים, ווען ער האט צוגעשיקט איינעם צו דאווענען פארן עמוד, און יענער האט געזאגט, אז דער רב זאל דאווענען, פלעגט ער זאגן, ער שטייט פארן עמוד, און איך בין דער בעל תפלה.

**האדמו"ר מקאסאן:** דער **בעלזער רב** איז אוועק כ"א אב תשי"ז. און דער **סאלקא'ער רב** האט יענעם יאר פאר שבועות געזאגט פאר מיין טאטע'ן, ווער עס

וויל נאך קענען דעם **בעלזער רב**, זאל פארן אויף שבועות.

אייער פאטער איז אויך געפארן פון דא קיין בעלזא?

**רבינו:** איין מאל, אויף שבועות תשי"ד.

**האדמו"ר מקאסאן:** עס איז דעמאלטס נישט געווען אזוי גרינג צו פארן.

**רבינו:** דרייסיג שעה האט גענומען א וועג.

**ונפרדו לשלום**

## פרשת ויקהל ט"ז – כ"ב אדר א' תשע"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקהל***

בשעות אחר הצהרים הגיע **כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה***

**רבינו:** די טאטע איז אמאל דא געווען?

**האדמו"ר מתו"א:** ער איז געווען אין לאס אנדשעלעס דריי מאל, אבער דא האב איך נישט געהערט אז ער זאל זיין. ער האט זיך אסאך געפלאגט און געוואלגערט. ווען די תלמידים זאלן נאר וויסען וויפיל זייער מנהיג האט זיך געפלאגט און געשוויצט פאר זיי, אז מען זאל קענען צאלען די געהאלטן.

**רבינו:** מען זעהט דאך, למען לא ניגע לריק, מען האט זיך נישט געפלאגט אומזיסט.

**האדמו"ר מתו"א:** איך האב באקומען די געלט פאר די מקוה (**רבינו שליט"א** ראה בחלום הלילה את **האדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע** וביקש האדמו"ר ממנו שינדב סכום מעות עבור המקוה בביהמ"ד תולדות אהרן בעיה"ק ירושלים, ולמחרתו שלח **רבינו שליט"א להאדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א** ששהה בהאט ספרינגס, סכום הגון עבור המקוה. עיין בשו"ע יו"ד סימן ר"י סעיף ב', **ובפתחי תשובה** סק"ב). די טאטע האט אונז ווייטער אינזין.

**רבינו:** איך האב געזעהן צוברענגען א תשובה פונעם **טשעבינער רב** (**בשו"ת דובב מישרים** ח"ג סימן פ"ה), וואס ער ברענגט צו די מחלוקת (יו"ד סימן ר"י בטו"ז סק"ג ובש"ך סק"ה) אז אויב א אשה האט געמאכט א נדר אין חלום, צו די מאן קען עס מפיר זיין. ווייל עס איז נישט קיין ענין פון א געווענליכע נדר, נאר א חלום, און מען וואלט אינגאנצן נישט געווען מחוייב (כמבואר בשו"ע שם סעיף ב'). צו ער קען מפיר זיין נאר א נדר וואס זי האט געמאכט בדעת, אדער אפילו א נדר וואס זי האט געמאכט שלא בדעת (עיין שם שדן בענין מי שחלם שנתן סכום מעות למגבית עבור ישיבה, אם מחוייב ליתן המעות).

**האדמו"ר מתו"א:** ערב ראש השנה ביי התרת נדרים זאגט מען, מה שנדרתי בחלום.

איך האב יעצט גערעדט אויפן וועג, וועגן די שקיעה דא, וועגן די בערג. עס איז א גרויס נידון וועגן דעם.

**רבינו:** פאר א פערטל שעה צוריק איז אונטער געגאנגען די זון אונטער דעם בארג. די שאלה איז, ווען דער בארג וואלט נישט געווען דא, וואלט מען געזען די זון שפעטער אויך. ווען מען פארט א פאר מייל ווייטער קען מען נאך זעהן די זון. און ווען מען גייט אפאר גאסן נענטער צום בארג, זעהט מען נישט די זון נאך פריער. צו איז די שקיעה אויף יעדע גאס ווען מען הערט דארט אויף צו זעהן די זון, צו מען דארף באטראכטען דעם פלאץ אזוי ווי עס וואלט געווען א גראדע פלאץ (עיין **בשו"ע הרב** בסידורו שכתב: להדליק קודם שקיעת החמה, שקיעה הנראית, דהיינו בעוד השמש זורח בראשי האילנות, בשדה בארץ המישור, שאין שום הר במערב ע"כ).

**האדמו"ר מתו"א:** דער **קצות השלחן** רעדט אסאך וועגן דעם (בח"ג בסופו).

**רבינו:** ירושלים האט אויך דעם פראבלעם. ירושלים הרים סביב לה. נאר דארט איז עס א חילוק פון דריי מינוט, און דא מאכט עס אויס א חילוק מיט א דריי פערטל שעה.

**האדמו"ר מתו"א:** עס איז א מורא'דיגע שאלה וועגן פלג המנחה. מען קען נישט מאכען א ברכה אויף נרות שבת פאר פלג המנחה (כמבואר בשו"ע סימן רס"ג סעיף ד').

**רבינו:** דא האט מען נישט געהערט מחמיר זיין. לעצטענס איז דא געווען דער סאטמארער רבי, און ער האט יא אנגעהויבען חייש צו זיין דערויף. און ער האט געהייסען פארן עולם צינדען פריער, און מאכען א ברכה שפעטער.

**האדמו"ר מתו"א:** אין מגן אברהם (שם סקי"א) טרעפט מען, אז אויב א פרוי האט פארשפעטיגט צו צינדען לעכט ערב שבת, זאל א גוי אנצינדען, און זי זאל מאכען די ברכה. אבער אז זי זאל אליין צינדען פריער און שפעטער מאכען א ברכה, איז שווער די חידוש.

**רבינו:** אויף א המשך המצוה, געפינט מען אז מען קען מאכען א ברכה.

**האדמו"ר מתו"א:** א המשך פון א מצוה געפינט מען ביי חנוכה אויך. אבער דארט האלט ער נאך אינמיטן צינדען אנדערע קנויטן, אבער דא איז ער זיך מסלק פון די מצוה (עיין **בפמ"ג** באשל אברהם שם).

**רבינו:** די מצוה ווערט נמשך, אבער ער טוט שוין נישט צו די מצוה. ביי עטיפת טלית האט ער א א מצוה יעדע מינוט. און אפילו ער האט שוין

אנגעטון די טלית פריער, קען ער נאך מאכען א ברכה שפעטער (עיין באו"ח סימן ח' במג"א סקי"ב).
די שאלה פונעם מגן אברהם איז, אז מען פלעגט מאכען די חופות ערב שבת, און עס פלעגט זיך צו פארציען ביז צום זמן הדלקת הנרות. און ווען מען איז אהיימגעגאנגען פון די חופה איז שוין געווען שפעט. צו מען קען צינדען פריער, אדער זאל מען צינדען דורך א גוי.

**וכיבדו רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מתו"א:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפען, אז מען זאל זוכה זיין צו מתקן זיין די גראז דא, אין לך אזוב שאין לו מלאך שאומר לו גדל (ב"ר י-ו). עס איז פיל מיט מלאכים דא. דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל האבען השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.
**רבינו:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, עס זאל אלעס גרינג אנקומען, מתוך שמחה וטוב לבב מרוב כל.
די רבי גייט אביסל שפאצירן?
**האדמו"ר מתו"א:** איך האב געקלערט צו גיין שפאצירן דא, אבער עס איז מיר אויסגעקומען ווייניג צייט צו זיין דא.
**רבינו:** איך וועל באגלייטן.
**והלך רבינו שליט"א לטייל עם האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א, והמתיקו סוד ביחידות במשך כמחצית השעה על הדרך לביהמ"ד חב"ד בעיר, שם התפללו תפלת מנחה, ונפרדו לשלום.**

*

***<u>יום רביעי פרשת ויקהל</u>***

לפנות בוקר הגיע **רבינו שליט"א** למעונו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר השיעור במשנה ברורה עברו בחורי הישיבה לקבל פני **רבינו שליט"א**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף בהחופה של החתן **משה יוסף זאבעל** נ"י (תלמיד דישיבתנו הק', בן הר"ר **יעקב זאבעל** הי"ו, מאנסי), שהתקיים באולם עטרת טשארנא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בת הר"ר **יהושע בלומענפעלד** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אברהם שווארץ** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אימפעריאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם המחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בת **הרה"ג רבי עקיבא יוסף כהנא שליט"א** (חתן האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א, וומסב"ג), עב"ג בן **הרה"ג רבי יעקב יוסף גרינפעלד שליט"א** (אב"ד סעמיהאי, לאנדאן) שהתקיים באולם ראוז קעסטעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן ועם **האדמו"ר מספינקא שליט"א** ועם המחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת ויקהל</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור נסע רבינו שליט"א לבארא פארק והשתתף בהברית של בן הר"ר **דוד דייטש** הי"ו (ב"פ), שהתקיים בבית המדרש סקולען.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אברהם הערש וואזנער** הי"ו (וומסב"ג, נכד הגר"ש וואזנער שליט"א) **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודה.

אחר השיעור התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של **הרה"ק בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע. רבינו שליט"א** סיפר כמה סיפורים.

***<u>וזה תוכן הסיפורים</u>***

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** איז געווען די רבי פון אלע רבי'ס. אלע רבי'ס שפעטער פון יעדע גזע וואס האבן געהאט א שייכות מיטן **בעל שם טוב הק'**, זענען כמעט אלע געקומען דורכן **רבי ר'**

**אלימלך**, און וועגן דעם האט ער געהייסען די רבי פון אלע רבי'ס. אין בעלזא זאגט מען תחנון ביי א יארצייט. אויסער געוויסע יארצייטן וואס מען זאגט נישט קיין תחנון. ביים **רבי ר' בער**, און ביים **רבי ר' אלימלך**. ווייל די זענען געווען די רבי'ס פון אלע צדיקים.

*

**דער רבי ר' אלימלך** האט געהאט א זון וואס האט געמאכט א ספר **אורח לצדיק**. עס איז א קליין דין ספר. און ער ברענגט צו (פ' תזריע), אז זיין פאטער דער **רבי ר' אלימלך** ווען ער פלעגט מוסר צו זאגען פאר די יונגעלייט, האט ער געזאגט, 'הלואי זאל ענקער נשמה אזוי לייכטן, ווי מיין גוף לייכט'. די נשמה איז דאך א חלק אלו-ה ממעל, און עס לייכט ביי א יעדע יוד. האט ער געזאגט, הלואי זאל עס לייכטן אזוי ווי עס לייכט ביי מיר די גוף.

*

**מען** ברענגט צו, אז לאחר פטירתו זענען די חסידים געזעצן צווישן זיך און געשמועסט. און דער **רבי ר' אלימלך** האט זיך מגלה געווען צו זיי, און ער האט געפרעגט, פון וואס מען רעדט. האט מען אים געזאגט, אז מען רעדט פון די מופתים וואס מען האט געזען ביים רבי'ן. האט ער געזאגט, רעדט'ס נישט פון מיינע מופתים, נאר רעדט'ס פון מיין עבודת ה', ווי אזוי איך האב געדינט דעם אייבערשטען. און ער האט געוויזען, ווי אזוי א מענטש שטייט אויף א שפיץ בארג, און ער פאלט אראפ פון דארט, ביז ער ווערט צובראכן אויף שטיקלעך. און ער האט געזאגט, 'אזוי האב איך געדינט דעם אייבערשטען ביי מיין לעבן'. מיט אזא מסירת נפש, ווי א מענטש ווארפט זיך אראפ, און ער ווערט צוברעקלט פארן אייבערשטען, און נאכדעם האט יעדע שטיקל געלייכט, אזוי ווי א דיאמאנט שטיין.

*

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט זיך געברענט די הענט, אויף דעם וואס ער האט אלץ קליין קינד געשלאגן די מאמע וכדומה. אפילו ער איז געווען א קינד, און עס איז געווען שלא במתכוין, און עס דארף נישט א כפרה, פונדעסטוועגן דאך האט ער געוואלט אויסלייטערן זיין נפש, און אפילו אויף דעם, האט ער זיך געברענט די הענט, כדי ער זאל עס מתקן זיין.

*

**די** וועלט דערציילט, אז דער **רבי ר' אלימלך** מיטן **רבי ר' זושא** זענען געגאנגען גלותליידען. זיי פלעגן ארום צו פארן אין די שטעט, און זיי האבען נישט געהאט א פלאץ ווי צו שלאפן און עסן געהעריג, גלות מכפרת (ברכות נו.). און ווי זיי זענען געקומען, פלעגן זיי פראבירן מקרב צו זיין יודען צו עבודת ה'. אמאל זענען זיי אנגעקומען אין א קרעטשמע, און זיי זענען געווען זייער מיד און צובראכן פונעם וועג, און זיי האבען זיך געלייגט שלאפן. דער **רבי ר' אלימלך** האט זיך געלייגט אויף די דרויסענדיגע בעט, און דער **רבי ר' זושא** האט זיך געלייגט אויף די בעט וואס איז געווען מער אינווייניג. ביינאכט זענען אריינגעקומען אין דעם קרעטשמע פויערן, און זיי האבען זיך אנגעשיכור'ט, און זיי זענען געווארן אויפגעהייטערט, און זיי האבען געוואלט כאפן א טאנץ. און אז עס איז דא א יוד וואס מען קען מאכען טאנצן, זענען זיי געגאנגען, און זיי האבען אויפגעוועקט דעם **רבי ר' אלימלך**, און זיי האבען אים געשלעפט, אז ער זאל קומען טאנצן מיט זיי. נאך א שטיק צייט האבען זיי אים אפגעלאזט, און ער איז זיך געגאנגען צוריקלייגען. נאכדעם האבען זיי זיך ווייטער אנגעשיכור'ט, האבען זיי אים ווייטער גענומען טאנצן. אזוי איז געווען א פאר מאל.

**זאגט** דער **רבי ר' אלימלך** פארן **רבי ר' זושא**, איך שלאף דא אינדרויסן, נעמט מען מיר צו טאנצן. לאמיר זיך טוישן די בעטן, איך וועל מיר לייגען אינווייניג, און דו וועסט דיך לייגען אינדרויסען, וועסטו אביסל טאנצן, און איך וועל האבען אביסל מנוחה. האבען זיי זיך געטוישט. און די פויערן האבען נישט באמערקט אז זיי האבען זיך געטוישט. ווען זיי האבען זיך ווייטער מיישב געווען, אז מען גייט אים נאכאמאל נעמען טאנצן,

רופט זיך איינער אן, מיט דעם יוד האבען מיר שוין גענוג גטעאנצן, יעצט לאמיר נעמען דעם אנדערן וואס ליגט אינווייניג. און זיי האבען נאכאמאל גענומען דעם **רבי ר' אלימלך** צו טאנצן. האט זיך דער **רבי ר' אלימלך** אנגערופן, 'אז עס איז באשערט צו טאנצן, טאנצט מען'. אז מען האט אויסגערופן אויבן אז מען זאל טאנצן, איז נישט קיין חילוק ווי מען ליגט.

**איך** האב געהערט נאכזאגען, אז דער **קדושת ציון זצ"ל**, האט אמאל פארציילט די מעשה. און דער זון דער **באבובער רב, רבי שלמה זצ"ל**, האט אים געפרעגט, האבען זיי גוט געטון אדער נישט? א מענטש דארף דאך קוקען בדרך הטבע, אז ער זאל זיך גרינגער מאכען. האט דער **קדושת ציון** געזאגט, אוודאי ווען א מענטש איז אין א פראבלעם, דארף ער זוכען ווי אזוי ער קען זיך מציל זיין. אבער נישט אויף יענעס חשבון. אז מען זאל נעמען דעם **רבי ר' זושא**, און אים שטעלן אז מען זאל אים נעמען טאנצן, כדי ער זאל זיך קענען אויסרוען. א מענטש דארף זיך פרובירען צו העלפען מיט וואס ער קען, אבער נישט אויף יענעמס חשבון.

*

**מיין** טאטע ז"ל פלעגט צו פארציילען, אז ער האט געהערט פונעם **שימלויא'ער רב**, אז דער **רבי ר' אלימלך** פלעגט אנצוטון די ר"ת תפילין, צופרי נאכן דאווענען. איינמאל האט מען האט געזעהן אז ער לייגט צוזאם די רש"י תפילין, און ער טוט נישט אן די ר"ת תפילין. און עס איז געווען א גרויסע פלא, ווייל ער האט אייביג גלייך אנגעטון די ר"ת תפילין. האט זיך איינע פון די חסידים געטרויט און געפרעגט, פארוואס ער טוט נישט אן די ר"ת תפילין.

**האט** דער **רבי ר' אלימלך** געזאגט, אז אין שלחן ערוך (סימן ל"ד סעיף ג') שטייט, אז ר"ת תפילין זאל אנטון נאר איינער וואס איז מוחזק בחסידות. און ער האט געהאט היינט א שווערע נאכט, און ער פילט נישט אז ער איז מוחזק בחסידות, אז ער זאל קענען אנטון די ר"ת תפילין. האט ער געזאגט, א גאנצע טאג בין איך דאך פארנומען, מענטשען קומען און איך בין מתפלל פאר זיי, און מען לאזט מיר נישט במנוחה. אבער שפעט ביינאכט קען איך מיר אביסל אפרוען, לייג איך מיר אראפ זיך אויסרוען. די נאכט ווען איך האב זיך אראפגעלייגט, הער איך ווי מען קלאפט אויפן פענסטער, אז מען האט עפעס א הזכרה מזכיר צו זיין. עס האט מיר געאהרט, איך האב מיר שוין געלייגט אביסל שלאפן, און איך וויל האבען אביסל מנוחה, און מען קלאפט מיר אויפן פענסטער, אז איך זאל אויפשטיין. אבער איך האב גארנישט געזאגט, און איך האב מיר אפגעגאסען נעגל וואסער און אויפגעשטאנען, און געפרעגט וואס איז די בקשה. האט מען מיר געזאגט, אז עס איז דא א יודענע וואס איז א מקשה לילד, און זי איז אין א סכנה, און מען איז געקומען צום רבי'ן מזכיר זיין, אז די רבי זאל מתפלל זיין, אז עס זאל אלעס גרינג אדורכגיין. האט ער אנגעוואונטשען פאר די יודענע, אז עס זאל אלעס אדורכגיין בשלום, און אוודאי אז תפלת צדיק עושה רושם.

**ווען** ער איז געגאנגען זיך צוריקלייגען, א ערליכער יוד מאכט א חשבון הנפש אויף אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען, בעפאר ער גייט זיך אראפלייגן. אויפן גאנצן טאג האט ער שוין געמאכט א חשבון הנפש, אבער ער איז דאך יעצט אויפגעוועקט נאך א פערטל שעה. דארף ער דאך מאכען א חשבון הנפש, צו די פאר מינוט איז אדורך ווי עס דארף צו זיין. און ער האט געטראפען אז עס איז נישט ווי אזוי עס דארף זיין. וויל ווען מען האט אים אויפגעוועקט, האט אים געאהרט, פארוואס מען האט אים אויפגעוועקט. אז א יוד קומט בעטן א בקשה זאל עס מיר אהרן אז מען האט מיר אויפגעוועקט? עס וואלט נישט געדארפט זיין אזוי. ווען מען זאל מיר קומען זאגען, אז מיין טאכטער איז א מקשה לילד, וואלט איך געהאט א הקפדה אז מען וועקט מיר אויף? אדרבה, איך וואלט יענעם געדאנקט, אז ער איז געקומען, אז איך זאל מתפלל זיין אויף מיין טאכטער וואס איז אין א סכנה. און עס וואלט מיר אוודאי נישט געאהרט. נאר אזוי ווי עס איז נישט מיין טאכטער, נאר עס איז יענעמס טאכטער, וועגן דעם איז עס געווען ביי מיר א שטיקל חילוק. אויף מיין טאכטער בין איך רואיג אז מען וועקט מיר אויף,

און פאר יענעמס טאכטער נישט. איינער וואס איז ביי אים א חילוק, צווישן זיין טאכטער און יענעמס טאכטער, איז ער נישט א מוחזק אין חסידות, און ער קען נישט אנטון ר"ת תפילין. עס האט אים געשטערט אז עס איז ביי אים א חילוק, צווישן א אייגען קינד, און א פרעמד קינד.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

***יום שישי פרשת ויקהל***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יודל זינגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**ראו** קרא ה' בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודא (שמות לה-ל), קוקטס, דער אייבערשטער האט גערופן מיטן נאמען פון בצלאל, דער זון פון אורי, דער זון פון חור. און דער באשעפער האט אים ממלא געווען מיט א רוח חכמה, אז ער זאל קענען אויפשטעלן די משכן. איך וועל נאכזאגען א ווארט פונעם הייליגען **חתם סופר** וואס איז נוגע צום ענין. די גמרא (ברכות נה.) זאגט, אז בשעת דער אייבערשטער האט ממנה געווען בצלאל, אז ער זאל מאכען די משכן, האט ער זיך קודם גערעדט מיט משה רבינו. און ער האט געפרעגט משה רבינו, הגון עליך בצלאל, קוקט דיר אויס, אז בצלאל איז ראוי, אז ער זאל מאכען די משכן. האט משה רבינו געענטפערט פארן אייבערשטען, אם לפניך הגון, אז פאר דיר איז ער גוט, לְפָנַי לא כל שכן, איז ער פאר מיר אוודאי גוט. אז דער רבונו של עולם האט אים אויסגעקליבען, און עס איז גוט פארן אייבערשטען, וועט נישט קומען משה רבינו, און זאגען אז עס איז נישט גוט.

**לכאורה** וואלט נישט דאס געדארפט זיין די תשובה. עס איז כאילו משה רבינו ענטפערט, ווען די וואלסט מיר געפרעגט, אפשר וואלט איך געטראפן א צווייטען. נאר דו ביזט דער בעל הבית, און אויב עס איז גוט פאר דיר, איז עס גוט פאר מיר אויך. אויב בצלאל איז טאקע געווען אזוי דערהויבען און אזוי גרויס, וואלט דאך משה רבינו געדארפט זאגן, אוודאי איז בצלאל דער ריכטיגער מענטש, וואס דארף עס טון. אבער משה רבינו האט נישט אזוי געזאגט, נאר ער האט געזאגט, אם לפניך הגון, אויב פאר דיר איז ער גוט, איז ער פאר מיר אויך גוט.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר** (פ' כי תשא קלח:) א דבר נפלא. דער בצלאל איז געווען א יונג קינד, בשעת מען האט אים ממנה געווען צו מאכען די משכן. ער איז אלט געווען דרייצן יאר (סנהדרין סט:). כלל ישראל האט נאך געהאט אזעלכע געלונגענע מענטשען, ווי א בחור פון דרייצן יאר. עס איז געווען גדולי ישראל, און זקנים, און שבט לוי, וואס האבען אלע יארן געדינט דעם אייבערשטען. און דא האט מען גענומען א קליין בחור'ל, אז ער זאל אויפשטעלן די משכן. ווען מען וואלט געפרעגט משה רבינו, צו מען זאל אויסקלויבען בצלאל, וואלט ער געזאגט, ניין. מען קען טרעפן בעסערע פון בצלאל.

**דער** אייבערשטער האט אבער אויסגעקליבען בצלאל, ווייל אזוי ווי בצלאל איז געווען בן אורי בן חור, און חור האט געהאט מסירת נפש פארן אייבערשטען. בשעת מען איז געקומען צו חור, אז ער זאל מאכען די עגל, האט חור געזאגט, אז ער מאכט נישט קיין עגל. און מען איז געגאנגען, און מען האט אים געהארג'ט. און פאר דעם האט אהרן שפעטער געמאכט די עגל. וירא אהרן (שמות לב-ה), זאגט רש"י, ראה חור זבוח לפניו, און מען וועט אים אויך הארגענען, און וועגן דעם האט ער געמאכט די עגל. האט דאך חור געהאט מסירת נפש פארן אייבערשטען נישט צו מאכען דעם עגל. וואס באצאלט דער אייבערשטער פאר א יוד וואס האט מסירת נפש. ער גיבט אים גוטע קינדער. האט דער אייבערשטער גענומען דאס אייניקעל פון חור, און ער האט אים ממלא געווען מיט א רוח חכמה.

**משה** רבינו איז ארויף אין הימל מקבל צו זיין די תורה, א טאג נאך מתן תורה. און משה רבינו איז געווען אויבן ביז שבעה עשר בתמוז, און

דעמאלטס האבען די יודען געמאכט די עגל. דאס וואס מען האט גערעדט מיט חור, אז ער זאל מאכן די עגל, איז געווען א טאג פאר דעם, ט"ז תמוז. משה רבינו האט גארנישט געוואוסט פונעם עגל, ווייל ער איז דאך געווען אויבען אין הימל. משה רבינו האט געקענט דעם בצלאל, ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט בשעת מתן תורה. און דעמאלטס איז ער געווען א בחור, אזוי ווי אנדערע בחורים, עס איז נישט געווען אין אים קיין שום מעלה. נאר אזוי ווי חור האט געהאט מסירת נפש, נישט צו מאכען דעם עגל, האט דער אייבערשטער נאכדעם ממלא געווען דעם בצלאל מיט חכמה. איז בשעת דער אייבערשטער האט געפרעגט משה רבינו, צו עס איז הגון עליך בצלאל, צו בצלאל איז גוט. האט משה רבינו געהאלטן, אז בצלאל איז נישט גוט. בצלאל איז נאך א יונג בחור, ער קען נישט מאכען א משכן. עס איז נאך דא אזעלכע חשובע יודען. נאר אם לפניך הגון, אויב דו האסט אים אויסגעקליבען, און ער איז גוט פאר דיר, איז עס פאר מיר אוודאי גוט. אבער ווען דו זאלסט מיר פרעגן, צו מען זאל אים נעמען, וואלט איך נישט געזאגט יא. ווייל משה רבינו האט נישט געוואוסט וואס עס איז אדורך אונטען, אז חור האט געהאט מסירת נפש פארן אייבערשטען.

**אבער** ווען משה רבינו איז אראפגעקומען, און ער האט געזען וואס מיט דעם חור איז געווארן, אז מען האט אים געהארג'ט, און ער זעהט ווי דער אייבערשטער האט ממלא געווען דעם אייניקל מיט א רוח חכמה, האט ער געזאגט, 'ראו', זייט'ס ענק מתבונן, 'קרא ה' בשם', דער אייבערשטער האט גערופן 'בצלאל', אז ער זאל מאכען די משכן, ווייל ער איז 'בן אורי בן חור', און פאר די מסירת נפש פון חור, האט דער אייבערשטער באצאלט, אז ער האט ממלא געווען דעם בצלאל מיט א רוח חכמה.

**זעהט** מען די געוואלדיגע מדה, אז מען האט ערליכע עלטערן, ערליכע זיידעס וואס זענען אין די מדה פון חור, וואס האבען מסירת נפש פארן אייבערשטען. דאס ווערט שפעטער באצאלט, ביי די קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים וואס דער אייבערשטער געבט, אז מען האט ביי זיי אסאך נחת, און זיי ווערן ערצויגען ערליך.

***<u>שבת קודש פרשת ויקהל</u>***

בזמן הדלקת הנרות חבש **רבינו שליט"א** הקאלפיק לנכדו הבחור **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בליל שבת קודש אחר התפלה עלה **רבינו שליט"א** לביקור אצל אחיו **כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן שליט"א.**

**רבינו שליט"א** ערך באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הבחור החתן **עזריאל יודא וויטריאל** נ"ו (לקראת שמחת נישואיו בשעטומ"צ).

בקריאת התורה עלה הבחור **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** למפטיר, לכבוד הבר מצוה.

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** בהקידוש של ש"ב **הרב זלמן לייב וואגשאל שליט"א** (חתן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש וואדקערט.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** בהמלוה מלכה השנתי לטובת המתיבתא, שהתקיים באולם תורה ויראה. הרה"ג רבי **נחמן גרינצווייג** שליט"א פתח את המסיבה. הר"ר **אברהם מאיר זיידענפעלד** שליט"א אמר הסיום לעילוי נשמת אמו ע"ה, בנו הב' **משה זיידענפעלד** נ"ו (תלמיד ישיבתנו הק') אמר דברי זכרון. דבר הישיבה המנהל **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א.** נזר 'תפארת אבות' הר"ר **ישראל בריעגער** הי"ו. נזר 'איחוד התלמידים' **הרב יהודא באדאנסקי שליט"א.** דברות קודש מאת **רבינו שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה (מה שלא נדפס בגליון דברי תורה)</u>***

**ב"ה,** יעדער ווייסט, אזוי ווי מען האט שוין פריער געהערט, אז די מתיבתא בליהט ב"ה. מען לערנט פלייסיג, און ב"ה די בחורים האבען א געוואלדיגע סיפוק, און עס הערשט א צופרידענקייט אין די מתיבתא. איך קען זאגען, אז עס איז היינט פון די שענסטע מתיבתות וואס איז דא אין אונזער געגנט. די ראש ישיבה זאל זיין געזונט, און דער מנהל ר' פישל, לייגען אריין אויסערגעווענליכע כוחות אין די מתיבתא, אז עס זאל קענען ווייטער שטייגען. און עס איז א געוואלדיגע זכות פאר די בדי הארון, פאר די וואס טוען זיך צושטעלן, אז די

ארון זאל קענען עקזיסטירן. אפילו מיט א קלייניגקייט, אפילו עס איז נאר בגופו, ביי א יונגערמאן קען אסאך מאל נישט זיין בממונו, אבער 'ויצף אותו זהב', זאל ער וויסען, אז דארט ליגט זיין ברכה. דער אייבערשטער וועט אים נאכדעם באדעקן מיט גאלד.

**מיר** זוכען יעצט צוויי עסקנים. מען דארף האבען א פרישע פלאץ פאר די מתיבתא. די מקום וואו מיר זענען איז אויסגעוואקסען. עס איז דא יונגעלייט וואס האבען זיך אריינגעלייגט דערין, און זיי זוכען א מקום. אבער איך בעהט, ווער עס קען זיין פון די בדי הארון, זוכען א מקום וואס זאל זיין צוגעפאסט פאר די ישיבה קטנה, און נאכדעם אויך פאר די ישיבה גדולה, אז מען זאל קענען אראפשטעלן א מקום, וואו עס זאל זיך שפעטער ציען פון דארט תורה. עס איז גענוג אפילו צוויי בדי הארון, צוויי פשוטע העלצער, וואס זאלן זיך צושטעלן דערצו, און עס וועט זיין 'ויצף אותו זהב'. דער אייבערשטער וועט זיי נאכדעם איבערדעקן מיט גאלד. און וואספארא צייט עס וועט זיי קאסטען אוועקצוגעבן פאר דעם, וועט זיי דער אייבערשטער באצאלען כהנה וכהנה.

*

אחר המלוה מלכה השתתף **רבינו שליט"א** בהמלוה מלכה לטובת בית המדרש סערדאהעלי, שהתקיים באולם אנשי ספרד.